גליון
# באור החיים
פרשת בהעלותך - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
משפחת ראטטענבערג שיחי'
לע"נ אביהם הרה"ח ר' ארי' ב"ר אברהם ע"ה
יארצייט ביום כ"ה סיון - ד' שלח הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה משה יחיאל דייטש הי"ו (לאנדאן)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### אהרן הכהן כיון כוונות גדולות בהדלקת המנורה

**ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה.** פרש"י הק', להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.

הנה כל המפרשים תמהו מה הכוונה בזה, וכי הי' הוה אמינא שאהרן קדוש ה' ישנה ממצות ה'.

וכן דקדקו המפרשים למה חזר הכתוב לפרש 'אל מול פני המנורה העלה נרותיה' הלא היה די באומרו 'ויעש כן אהרן כאשר צוה ה' את משה'.

ופירושו צדיקים את הענין בזה, כי כאשר הצדיק מקיים מצוה ממצות ה', הוא מתלהב מאוד מרוב אור היחודים וכוונת הפנימיות של המצוה, ומפני כך קשה עליו לקיים כראוי את הפעולה החיצונית שבה, בפרט במצוה אשר הפעולה החיצוניות שלה נמשכת לזמן מה, קשה לו לקיימה כולה מרישא ועד גמירא, באופן שלא יצא מגדר אנושי כל עת קיומה. כן בעבודת הדלקת המנורה, הרי היתה עיקר כוונתו של אהרן, להדליק את האורות העליונים במנורה העליונה, ועל כן היה קשה עליו מאוד לעשותו גם בתחתונים, ולאחר הדלקת נר אחד או שנים, היה מן האפשר שיצא מגדר אנושי, ולא יוכל להדליק שאר הנרות.

וזהו שהכתוב מאריך לפרש ויעש כן אהרן, 'אל מול פני המנורה העלה נרותיה', רצה לומר אף שכיוון בהדלקתו אל מול פני המנורה העליונה, בכל זאת העלה גם נרותיה למטה, שהיה בכחו לכוין בעליונים ולעשות גם בתחתונים, זה הכוונה בדברי רש"י הק' 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', רצה לומר, שהחזיק את עצמו בכל שעת קיום המצוה שלא לשנות מן הפעולה החיצוניות של המצוה, ולהשלים הדלקות כל שבעת הנרות כדינא.

(עבו"ע פתג"ק בהעלותך)

### ע"י מדת האחדות נמשך חסד לעולם

**ובהקהיל את הקהל תתקעו ולא תריעו.** פירשו תלמידי בעש"ט הק', 'ובהקהיל את הקהל', כאשר בני ישראל מתאספים יחד, 'תתקעו', נמשך בזה בחינת תקיעה, דהיינו חסדים, כי תקיעת קול פשוט רומז לחסדים, והוא נגד אברהם, שהוא מדת החסד, 'ולא תריעו', היינו ולא תשרה בכם בחינת תרועה, שהוא קול שבור הרומז לדינים, וכלשון הכתוב (תהלים ב' ט') תרועם בשבט ברזל, נמצא כי על ידי התאספות

המשך בע' ב

נתנדב על ידי נגידים החשובים תומכי תורה וחסידות ראשונים לכל דבר שבקדושה למען קהילתינו ומוסדותינו הקדושים
פרנס פעולות האיחוד להודש סיון
דידינו היקרים משפחת מערמעלשטיין החשובה והנכבדה
לעילוי ולטובת נשמות הוריהם
אביו/זקינם הרה"ח ר' חיים נחום בן ר' יהודה ז"ל - חותנו/זקינם הרה"ח ר' צבי ארי' בן ר' ישראל ז"ל
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

שנה ופירש יותר מכולן. 'שנה ופירש' ער לערנט די תורה, אבער ער איז אפגעשיידט דערפון.

(שפת"ק שבועות א')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רבינו הק' זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **יעקב יושע שלעזינגער** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## די פשט אין די ווערטער פון רש"י להגיד שבחו של אהרן שלא שינה

ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה פרש"י הק', להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, וואונדערן זיך די מפרשים אין די כוונה פון דעם, איז דען דא א הוה אמינא אז אהרן קדוש ה' זאל עפעס משנה זיין פון מצות ה'.

נאך זענען די מפרשים מדייק, פארוואס חזר'ט די פסוק איבער, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, ס'וואלט געווען גענוג ווען עס שטייט נאר, ויעש כן אהרן כאשר צוה ה' את משה.

זענען צדיקים מפרש דעם ענין, אז ווען א צדיק איז מקיים א מצוה, ווערט ער מורא'דיג צופייערט פון די אור היחודים און פון די כוונת הפנימיות פון די מצוה, דערפאר איז אים זייער שווער מקיים צו זיין די פעולה חיצוניות פון די מצוה, און בפרט א מצוה וואס די פעולה חיצוניות פון דעם ווערט נמשך צו א לאנגע צייט, איז זייער שווער צו דאס מקיים זיין פון אנהייב ביזן סוף, אויף אן אופן אז ער זאל נישט ארויסגיין מגדר אנושי, און אזוי ווי עס איז געווען ביי הרה"ק בעל קדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע אז מען האט אים אמאל מכבד געווען מיט סנדקאות, און ער האט געזאגט אז ער וויל אליין מקיים זיין די מצות מילה, און נאכדעם וואס ער האט אראפגעשניטן די ערלה, איז ער אזוי נתלהב געווארן פון די אור המצוה, ביז ער האט מער נישט געקענט ממשיך זיין מיט די מצות פריעה ומציצה, און נאר בדרך נס האט ער געקענט ממשיך זיין מקיים צו זיין מצות פריעה ומציצה.

אזוי אויך ביי די עבודת הדלקת המנורה, איז די עיקר כוונה פון אהרן הכהן געווען, צו אנצינדן די אורות העליונים, און די מנורה העליונים, אזוי ווי עס איז מבואר אין זוה"ק און אין אלע ספרי קודש, און אויך אין ספה"ק אוהב ישראל די וואך איז ער מאריך צו מבאר זיין דעם ענין, אז דורך די הדלקת המנורה האט דער כהן פועל געווען צו אנצינדן אלע בוצינין טבין דלעילא, און ממשיך זיין פון דארט כל ברכאין טבין, און וויבאלד ער האט מכוין געווען אין די עולמות עליונים איז געווען שווער פאר אים עס צו טוען אויך בתחתונים, און נאכן אנצינדן איין ליכט צו צוויי, וואלט געווען מעגליך ער זאל ארויסגיין מגדר אנושי.

דערפאר איז די פסוק מפרש, אז ויעש כן אהרן, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, דאס מיינט צו זאגן, אז אפי' ער האט מכוין געווען ביים אנצינדן די מנורה, אל מול פני המנורה העליונה צו אנצינדן אלע בוצינין טבין דלעילא, אפי' אזוי האט ער אויך אנגעצינדן די נרות דלמטה, און דאס איז די כוונה פון רש"י הק' "להגיד שבחו של אהרן שלא שינה", דאס מיינט צו זאגן אז ער האט אנגעהאלטן צו מקיים זיין די פעולה חיצוניות פון די מצוה, און משלים זיין צו אנצינדן אלע שבעה נרות כהלכתן.

(עבו"ע פתג"ק)

המשך מע' א

נשמות ישראל נמשכים חסדים לעולם, ונמתקים כל הדינים.

וכן ידוע העבודא מהרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע שפקד מעולם העליון לבנו הרה"ק רבי אלעזר זי"ע שירעיש עולמות שתשרור אחדות בין בני ישראל, ובכח זה יתבטלו כל הגזירות הרעות השוררות עליהם.

(עבו"ע פתג"ק ט"ו בשבט)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **מנחם נחום סג"ל שווארץ** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יוסף נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### בהעלותך את הנרות.

רש"י הק' לערנט ארויס פון דעם לשון 'בהעלותך' אז עס זענען געווען טרעפ פאר די מנורה וואס אויף דעם איז דער כהן גדול געשטאנען.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דאס אויסגעפעלט, די גאנצע מנורה איז דאך געווען הויעך נאר 18 טפחים, וואלט דאך אהרן הכהן געקענט ריין מאכן די מנורה מיט'ן אויפהייבן זיינע הענט.

קען זיין א שיינע פשט אז אהרן הכהן וואס ער איז געווען אנגעטוהן מיט אכט קליידער, און די גמרא זאגט, אז דער כהן גדול האט נישט געטארט אויפהייבן זיינע הענט העכער דעם 'ציץ' וואס דאס איז איינע פון די אכט קליידער, דעריבער איז געווען טרעפ פאר די מנורה, אז בשעת ווען ער מאכט ריין די מנורה זאל ער נישט אויפהייבן זיינע הענט העכער'ן ציץ.

(מלא העומר)

### בהעלותך את הנרת אל מול פני המנורה יאירו.

עס איז באקאנט צווישן חסידיש'ע אידן, אז כדי זיך צו קענען האלטן ערליך און דערהויבן, דארף מען זיין מקושר צו א צדיק, דאס קען זיין דא א רמז אין פסוק 'בהעלותך את הנרות' ווען מען וויל ארויף ברענגען די נשמות פון די אידן, 'אל מול פני המנורה יאירו' מוז מען זיין נאנט צום צדיק, וואס ווערט אנגערופען פני הדור.

(ר' מנחם מענדל מרימנוב זי"ע)

### וייעש כן אהרן אל מול פני המנורה. להגיד שבחו של אהרן שלא שינה (רש"י).

עס איז באקאנט אז א מצוה וואס מען טוט כסדר דארף מען אכטונג געבן אז עס זאל נישט געטון ווערן כמצות אנשים מלומדה מיט א געוואוינהייט, דאס זאגט רש"י 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה' אז ער האט נישט געטוהן די מצוות כמצוות אנשים מלומדה, (שינה איז א לשון פון חזר'ן/ געוואוינהייט) נאר יעדן טאג באזונדער איז דאס געווען פאר איהם ווי א נייע מצוה.

(הרה"ק רבי מנחם מענדל מ'לינסק זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

### בעבדי אף על פי שאינו במשה. במשה אפילו אינו עבדי (רש"י)

דער הייליגער קצות החושן איז געווען א רב אין א שטאט, און ער איז געווען א מתנגד צו חסידות, האט אמאל פאסירט אז עטליכע חסידים פון דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האבן מזלזל געווען בכבודו פונעם קצות החושן, ווייל ער איז א מתנגד, האט דער קצות זיי אריינגעלייגט אין חרם אויף צוויי וואכן.

זענען די חסידים געפארן קיין לובלין כדי צוווארטן ביים רבי'ן ביז עס וועט דורכגיין די צייט פון דער חרם, אנקומענדיג קיין לובלין האבן זיי געוואלט אריין גיין צום רבי'ן, זאגט זיי דער גבאי אז דער רבי האט אנגעזאגט מען זאל ענק נישט אריינלאזן ביז צוויי וואכן.

נאך די צוויי וואכן ווען עס האט זיך שוין געענדיגט זייער חרם, זענען זיי אריין צום הייליג'ן לובלינ'ער, רופט זיך אן דער חוזה צו זיי, 'איך וועל אייך זאגן פשט אין די ווערטער פון רש"י בעבדי אף על פי שאינו במשה, במשה אפילו אינו עבדי', ווייל מען דארף וויסן אז עס איז דא 2 מיני מענטשן וואס מען דארף פון זיי מורא האבן, דער וואס איז בבחינת 'עבדי' ווייל ער איז דבוק יומם ולילה אין עבודת השם, 'אע"פ שאינו משה', אפילו ער איז נישט דער גדול הדור בתורה, און דער וואס איז בבחינת 'משה' א גדול הדור בתורה, 'אפילו אינו עבדי' ער איז נישט אין די בחינה פון די בעלי העבודה'. ודפח"ח.

א מעשה אויף די פרשה

### ויאמר אל נא תעזוב אותנו כי על כן ידעת חנותינו במדבר והיית לנו לעינים

דער הייליגער מהר"ם שי"ק האבן א נישט גוטע השפעה אויף גאנץ אונגארן, נא רבי וואס איז דען בעסער, צו מאכן פון גוים אידן, אדער פון זי"ע האט געשריבן אמאל א בריוו, אז עס האט פאסירט ביי זיין הייליגן רבי דער חתם סופר זי"ע אז מען האט אים אויפגענומען אין די גרויסע קהלה פיורדא און לאנד דייטשלאנד, און עס איז געווען דער שמועס אז אויב דער חתם סופר וועט קומען קיין דייטשלאנד וועט ער איבערדרייען די גאנצע מדינה צום גוטן.

אבער די שטאטליט פון פרעשבורג האבן שטארק פארפירט אז זייער הייליגן רבי דער חתם סופר וועט פארלאזן זייער שטאט, און מען האט זיך שטארק געבעטן ביי אים אז ער זאל נישט פארלאזן די שטאט אבער מען האט נישט געקענט פועל'ן אז ער זאל יא בלייבן.

ביז עס איז אנגעקומען א חשובע איד, ר' הירש יפ"ה, און געזאגט פאר'ן חתם סופר 'רבי עס איז אמת אז אויב דער רבי וועט גיין קיין דייטשלאנד וועט ער דארטן אויפטוען גרויסע זאכן, אבער דאס איז דאך זיכער אז דא אין שטאט וועט ווערן שוואכער דאס אידישקייט, דאס לערנען תורה וועט ווערן שוואכער, און דאס וועט אידן גוים', די ווערטער האבן טאקע געהאט א השפעה, און דער הייליגער חת"ס איז געבליבן אין פרעשבורג.

דאס זעלבע קען מען אריינטייטשן אין פסוק, ווען משה רבינו האט געזעהן ווי זיין שווער וויל צוריק גיין קיין מדין און דארט דערציילן די געוואלדיגע נפלאות ה' און מקדש זיין דארט דעם שם ה', האט משה רבינו געזאגט צו יתרו, 'טאקע דו וועסט אויפטוען דארט אין מדין פאר אידישקייט, אבער אויך דא אין מדבר קענסטו אויפטון פאר כבוד שמים, ווייל 'כי אתה ידעת חנותנו במדבר' ווי עס איז נישט קיין אויפגעבויטע ישוב און מען מוטשעט זיך שטארק, אבער ווען מען זעט דיר יתרו וואס דו האסט איבערגעלאזט אלע באקוועמליכקייטן וועגן כבוד שמים, דאן נעמען די אידן פון דיר א מוסר השכל ווי אזוי מען דארף אויף זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים באהבה'.

דאס זאגט משה רבינו, 'אל נא תעזוב אותנו' זאלסט אונז נישט פארלאזן ווייל דורך דיין בלייבן דא 'והיית לנו לעינים' וועט מען קוקן אויף דיר, און זיך אפלערנען פון דיר ווי אזוי צו דינען דעם רבש"ע.

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו (משב"ק)
לרגל שמחת אירוסי בתו עב"ג החתן אלי' ברוין ני"ו ממצויינ' תלמידי ישיבה"ק אוה"ח למז"ט
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## זהירות ביי עסענווארג

### אוכלים ומשקין שתחת המטה (ב)

ו

### שאלה: דאס וואס מען טאר נישט עסן מאכלים ומשקאות וואס זענען געווען אונטער א בעט, גייט אן אויף אלע ערליי מאכלים, צי ס'איז דא א חילוק וואס פאר א מאכל דאס איז?

**תשובה:** פון די לשון הגמרא וואס שטייט "אוכלין ומשקין" זעט אויס אז די קפידא איז ביי סיי וואס פאר עסנווארג, און סיי וואס פאר א געטראנק, נישט קיין חילוק צי עס איז געקאכט, אדער רוי, ווי למשל רויע פרוכט, גרינצייג, א.ד.ג.

די פוסקים זענען מסופק וואס דער מחבר פסק'נט אין שלחן ערוך איבער דעם, ווייל אין שלחן ערוך שטייט די לשון "לא יתן תבשיל ולא משקים", מען זאל נישט לייגן א געקעכטס אדער געטראנקען אונטער א בעט, פון דעם איז לכאורה משמע אז נאר ביי געקאכטע מאכלים איז שייך די קפידא (וכ"כ בבינת אדם אות ס"ג), אבער פון דעם וואס דער מחבר שרייבט אויך "ולא משקים", מען זאל נישט לייגן געטראנקען, איז משמע אז אלע ערליי משקאות זענען א קפידא, אפילו עס איז נישט געקאכט, לויט דעם קען זיין אז דאס וואס ער האט געשריבן "תבשיל", איז לאו דוקא אז די קפידא איז נאר ביי א געקאכטע תבשיל, נאר סיי וואס פאר מאכל איז שייך די קפידא, פונקט ווי משקאות, דעריבער איז נישט קלאר וואס דער מחבר האלט ביי אנדערע מאכלים וואס זענען נישט געקאכט.

### דעת המחמירים

דער שו"ע הרב (הל' שמירת גוף והנפש ס"ז) שרייבט אז די קפידא איז "אוכלין" ומשקין, און נישט אזוי ווי דער מחבר שרייבט "תבשיל" ומשקין, זעט אויס אז ער לערנט אז די קפידא איז ביי אלע ערליי מאכלים, אפילו זיי זענען נישט געקאכט (פתחי תשובה יו"ד סי' קט"ז ה', וכה"ח אות מ' בשם אור יצחק שמחמיר אפי' חיין ואפי' יבשים, וכן משמע מהעובדות מהגר"א עיין לקמן).

### דעת המקילים

טייל פוסקים האלטן אז די קפידא איז נאר ביי א געקעכטס וואס איז שוין ראוי צום עסן, אבער א מאכל וואס מען דארף נאך קאכן אדער ווייקן כדי עס זאל זיין ראוי צום עסן, איז נישט שייך די קפידא, (מילי דחסידותא אות תנ"ח, ערוך השלחן סעיף י"א, כה"ח אות מ').

### הלכה למעשה

לכתחלה דארף מען אכטונג געבן נישט צו לייגן אונטער א בעט קיין שום מאכל, אפילו עס איז רוי, און אפילו עס איז נישט ראוי צום עסן, און בדיעבד אויב עס איז געלעגן א רויע מאכל אונטער א בעט, קען מען זיך פארלאזן אויף די מתירים, בפרט אז עס זענען דא פוסקים וואס זענען מתיר בדיעבד אפילו געקאכטע מאכלים, אזוי ווי פריער דערמאנט (כ"כ בעצי העולה, וכ"כ בשמירת הנפש).

### מעדעצינען און וויטאמינען

עס ווערט געברענגט אז דער בעל שבט הלוי זצ"ל האט גע'פסק'נט אז ביי מעדעצינען און וויטאמינען גייט בכלל נישט אן די קפידא, ווייל דאס גייט נישט אריין אין כלל פון א מאכל (קובץ מבית לוי חלק יו"ד צ"ד).

ז

### שאלה: איז דא א חילוק ווי לאנג די מאכל אדער געטראנק איז געלעגן אונטערן בעט?

**תשובה:** עס ווערט געברענגט אז דער גר"א האט מחמיר געווען אפילו עס איז געלעגן נאר א קורצע צייט.

אין ספר נחלת אבות, א אייניקל פונעם ברידער פון גר"א (דף כ"ח ע"ב) שטייט, מען דארף שטארק אכטונג געבן, נישט צו לייגן קיין שום מאכל אונטער א בעט, אפילו דרך עראי, דאס מיינט א קורצע צייט.

* עס ווערט געברענגט אז אמאל איז אראפ געפאלן א עפל אונטער א בעט, און מען האט דאס גלייך אויף געהויבן, האט דער חזון איש זצ"ל געזאגט אז עס איז מסתבר אז אין אזא קורצע צייט איז נישט שייך די קפידא, און ווען מען האט אים געזאגט אז דער ראש ישיבה פון ישיבת מיר האט גע'אסרט אפילו ווען עס איז געלעגן גאר א קורצע צייט, האט דער חזון איש נישט געוואלט עסן פון די עפל.

אבער אין שו"ת דברי שלום (ח"ה קיצור פסקי הלכות אות קנ"ח) שטייט, אז די קפידא איז נאר אויב עס איז געווען אונטער די בעט א גאנצע נאכט.

### הלכה למעשה

לכתחלה זאל מען נישט לייגן קיין שום מאכל אדער משקה אונטער א בעט, אפילו אויף א קורצע צייט, אבער בדיעבד אויב עס איז געלעגן נאר א

קורצע צייט, אדער עס איז אומוועלנדיג אריין געפאלן אונטערן בעט, און מען האט עס גלייך ארויס גענומען, קען מען מקיל זיין.

## ח
## שאלה: בדיעבד אויב עס איז געלעגן אונטערן בעט עסנווארג אדער געטראנקען, דארף מען דאס אוועק ווארפן, אדער קען מען דאס נוצן?

**תשובה:** די שאלה איז אנגעפרעגט געווארן דער שבות יעקב (סימן ק"ה), און דער שואל ברענגט א ראיה מקיל צו זיין בדיעבד, און דער שבות יעקב איז מסכים צום שואל, און ער ברענגט א אנדערע ראיה צו די היתר, פון דעם וואס די גמרא זאגט, אז א תלמיד חכם זאל נישט עסן ביי א עם הארץ, אלץ חשש ער וועט אים געבן צו עסן נישט קיין אויסגעהאלטענע מאכלים, אויך זאגט די גמרא (מסכת בבא בתרא דף נ"ח) אז עמי ארצים פירן זיך צו לייגן זייער מאכלים ומשקאות אונטער די בעט, און אויב איז די הלכה אז מאכלים ומשקאות וואס זענען געלעגן אונטערן בעט, טאר מען נישט עסן אפילו בדיעבד, פארוואס זאגט נישט די גמרא אז וועגן דעם זאל א תלמיד חכם נישט עסן ביי א עם הארץ, ווייל זיי לייגן זייערע מאכלים ומשקאות אונטערן בעט, זעט מען פון דעם, אז די הלכה אז מען זאל נישט לייגן מאכלים ומשקאות אונטער א בעט, איז נאר לכתחלה, אבער בדיעבד מעג מען דאס עסן, און אזוי האבן אנגענומען אסאך פוסקים (רעק"א בחידושיו יו"ד סי' קט"ז, וביד אפרים שם, ובפתחי תשובה שם, ובדרכי תשובה בשם ערוגת הבושם, והשם ארי', וכ"כ במילי דחסידותא אות תנ"ח, וכן בבית שלמה יו"ד קפ"ט, תפארת צבי ליו"ד סוף סי' צ"א, וכן משמע מהחכמ"א כלל ס"ח סעי' ג').

## שיטת המחמירים

דער חיד"א (שיורי ברכה סי' קט"ז, ובמחזיק ברכה סי' ו') שרייבט אז פון די לשון הגמרא איז משמע אז עס אסור אפילו בדיעבד, ווייל די גמרא זאגט אז מאכלים ומשקאות וואס זענען אונטערן בעט, רוהט דערויף א רוח רעה, און די גמרא זאגט נישט אז מען זאל נישט לייגן אונטערן בעט, פון דעם איז משמע אז דאס איז זיכער אז עס רוהט דערויף א רוח רעה, און דאס איז אסור אפילו בדיעבד (בשו"ת בית שלמה יו"ד סי' קפ"ט, שדי חמד מערכת למ"ד כלל קמ"א אות ל"א ד"ה ובשבו"י, שו"ת קרן לדוד סי' א').

## שיטת הגר"א

* עס זענען דא עטליכע מעשיות פונעם הייליגן גר"א זצ"ל, וואס ער האט מחמיר געווען אפילו בדיעבד.

1. דער חכמת אדם שרייבט (בינת אדם אות ס"ג) איך האב געהערט אז דער גאון החסיד [גר"א] זצ"ל, האט באפוילן ביי א רעטיך וואס איז געלעגן אונטער א בעט, מען זאל עס צושניידן אויף קליינע שטיקלעך, און מען זאל עס אוועק ווארפן אין מיסט, כדי קיינער זאל דאס נישט טרעפן (מזה נראה שנחמיר אף במאכל חי, ולא רק תבשיל).
2. דער דרכי תשובה (יו"ד סימן קט"ז אות ל"ח) ברענגט אז דער גר"א זצ"ל האט גע'אסר'ט צו עסן צוקער וואס איז געלעגן אין א קאסטן וואס א מענטש איז געשלאפן דערויף, און ער האט באפוילן אז מען זאל עס אריין ווארפן אין טייך.
3. אין ספר שמירת הנפש (אות א') שטייט אז מען האט אמאל געגעבן פארן גאון [הגר"א] זצ"ל ווין כדי ער זאל קידוש מאכן דערויף, און ער האט נישט געוואלט קידוש מאכן דערויף, און שפעטער האט מען זיך דערוויסט אז די ווין איז געלעגן אונטער א בעט.

דעריבער טרעפן מיר אין אסאך פוסקים וואס האבן מחמיר געווען אין די הלכה, ווייל זיי האבן חושש געווען צו די חומרא פונעם גר"א זצ"ל.

**באמערקונג**

עס איז אונטערעסאנט צו צולייגן וואס זיין גרויסער תלמיד רבי חיים וואלאזין זי"ע שרייבט אין זיי ספר ארחות חיים, כתר ראש, (הל' סעודה אות פ'), אז מיין רבי דער גר"א זללה"ה האט שטארק מחמיר געווען אין די הלכה, אפילו ווען עס איז געווען אונטערן בעט גאר א קורצע צייט, אבער פאר אנדערע מענטשן האט ער מקיל געווען.

און ספר שערי רחמים וואונדערט זיך אויף דעם, פון די פריערדיגע צוויי מעשיות וואס דער גר"א האט געהייסן מען זאל צושניידן די רעטיך און אוועק ווארפן אין מיסט, אזוי אויך האט ער געהייסן אריין ווארפן די צוקער אין טייך, זעט מען אז ער האט מחמיר געווען אויך פאר אנדערע מענטשן.

* עס ווערט געברענגט אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט מקפיד געווען אז מען זאל נישט געבן א מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, אפילו פאר א גוי.
* אויך ווערט געברענגט אז הרה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל האט געהאלטן אז מען זאל נישט געבן א מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, אפילו פאר א הונט.

## הלכה למעשה

לכתחלה זאל מען נישט לייגן אונטער א בעט קיין שום מאכל אדער משקה, סיי געקאכטע און סיי רויע, סיי עס איז טריקן, סיי עס איז פלוסיג, אפילו עס איז נישט ראוי צום עסן, און אפילו עס איז אין א פארמאכטע כלי, אדער געסילט.

און בדיעבד אויב מען האט יא געלייגט אונטערן בעט, אזוי ווי עס איז א מחלוקת הפוסקים צי מען קען מקיל זיין, דעריבער ביי יעדע פאל וואס עס איז געלעגן א מאכל אדער א משקה אונטער א בעט, זאל מען פרעגן א שאלה, און מען זאל נישט אליין מחמיר זיין און אוועק ווארפן, ווייל עס זענען דא אסאך אופנים וואס מען קען מקיל זיין, אזוי ווי שפעטער ערקלערט.

המשך יבוא אי"ה

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ד

**אן אייזערנעם דעקל וואס גארנישט ברעכט זיך נישט אפ דערפון, אבער ווען מען עפנט עס, ווערט די אונטערשטע שטיקל פונעם דעקל געשפאלטן אויף עטליכע פלעצער, און עס ווערט אביסל ברייטער.**

דער הלכה איז אזוי ווי ביי פלעסטיק דעקלעך אין סעיף ב', זעה דארטן.

## סעיף ה

**דעקלעך פון פלעשער ביר א.ד.ג. וואס זענען געמאכט אזוי ווי א קרוין, און עפנט מען דאס אויף דורך אויסבייגן אביסל דעם דעקל מיט אן עפענער אדער מיט די הענט.**

מען מעג עס עפענען אפילו מיט די ספעציעלע עפענער [אפענע"ר] וואס איז געמאכט פארדעם.

## סעיף ו

**א האלצערנע שטאפער פון א וויין פלאש א.ד.ג.** (קארק)

מען מעג עס עפענען מיט א קארק-עפענער (וואס מען שטעכט אריין אין די דעקל און דורכדעם שלעפט מען עס ארויס) מען דארף נאר אכטונג געבן אויב איז געשריבן ווערטער אויפן קארק, אפילו נאר איין אות, אז מען דאס זאל נישט לעכערן.

## סעיף ז

**א נייע סארט עפענער** (עס הייסט "קארעוויין וויין סיסטעם"), **וואס מען שטופט אריין א דינע אייזערנע רער אין דעם דעקל און מען גיסט ארויס פון דעם פלעשל דורך די רער, און דערנאך נעמט מען דאס צוריק ארויס און דער דעקל בלייבט דארט אזוי ווי פריער.**

דאס מעג מען נוצן שבת.

## סעיף ח

**א שטיקל פלעסטיק וואס נעמט ארום א דעקל, וואס מען דארף דאס אראפרייסן צו קענען עפענען די דעקל, אזוי ווי עס איז דא אויף געווענליכע פלעשער פון וויין און גרעיפ-דזשאוס, ווי אויך אויף מייאנעיז א.א.וו.**

מען מעג עס לכתחילה אראפרייסן אפי' ביי די אנגעצייכנטע פלאץ,[1] מען דארף אבער אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין אותיות.

## סעיף ט

**עפענען די זילבער-פאפיר אדער פלעסטיק וואס איז אונטער די דעקל פון א פלעשל קאווע.**

מען מעג עס אראפרייסן דארט וואו עס איז צוגעקלעבט צום פלעשל.[2] אויך מעג מען עס אויפרייסן אינמיטן, נאר מען דארף אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין אותיות (עס איז גרינגער עס צו טון מיט א שארפע מעסער).

## סעיף י

**עפענען די זילבער פאפיר אדער פלעסטיק וואס איז אונטער די דעקל פון מעדעצין פלעשלעך אדער וויטאמין פלעשלעך.**

די הלכה איז אזוי ווי ביי קאווע פלעשער אין סעיף ט', זעה דארטן.

## סעיף יא

**א אייזערנע דראט** (ווייער) **וואס נעמט ארום די דעקל פון שאמפעי"ן, וואס מען דארף דאס אויפדרייען עס צו קענען אראפנעמען.**

מען זאל נישט עפענען דעם דראט דארט וואו עס איז צוזאמענגעדרייט.

**די עצה:** מען זאל בייגן דעם גאנצן צוזאמענגעדרייט דראט אריף און אראפ אסאך מאל, ביז עס ברעכט זיך אפ און מען קען עס אראפנעמען (אגב, די שטיקל אייזן ווערט מוקצה גלייך נאכן אראפברעכן, וויבאלד מען קען גארנישט טון דערמיט. דעריבער דארף מען אכטונג געבן נאכן אראפברעכן עס צו אנכאפן נאר כלאחר יד, צ.ב. מיט די פארקערטע זייט פון די האנט).

---

1 וויבאלד אז פאר דער וואס עפנט עס איז נישט קיין חילוק פונקטליך אויף וועלכע פלאץ עס צורייסט זיך, און די סיבה פארוואס ער רייסט ביי די אנגעצייכנטע פלאץ איז נאר ווייל דארט איז פשוט גרינגער צו רייסן, ממילא איז נישט דא ביי דעם דער איסור פון "מחתך במדה" (זעה פרק ו'-א סעיף א').

2 עס איז נישט דא דער איסור פון קורע, וויבאלד די פלעשל איז הארט, און נאר ביי ווייכע זאכען איז דא דער איסור פון קורע (זעה פרק ד' סעיף ה').

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה כאשר צוה ה' את משה

רש"י הק' זאגט דערויף, מלמד שבחו של אהרן שלא שינה, פרעגן אלע ספרים, וואס וויל דא רש"י ארויסברענגען מיט די ווערטער 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', וואס איז די חידוש אז אהרן הכהן האט נישט געטוישט פון די ציווי ה'.

דער הייליגע באר מנחם זי"ע איז מסביר א טעם, אז ווען משה רבינו האט מקבל געווען די תורה מסיני, האט ער מקבל געווען כל פרטי' ודקדוקי' וכוונתי' הגנוזים בה, אלע סודות התורה, אבער ווען משה רבינו האט עס איבערגעגעבן פאר אהרן ובניו און דערנאך פאר אלע אידן, האט ער נישט מגלה געווען אלע סודות התורה, נאר יעדער האט דאס משיג געווען כפי מדרגתו, און ווען אהרן איז געגאנגען אנצינדן די מנורה האט ער משיג געווען אלע סודות וואס איז מרומז אין די מצוה.

און די באר מנחם ברענגט צו א מעשה, אז איינער פון די צדיקים האט געפרעגט פונעם הייליגן רבי ר' זושא זי"ע פאר די יו"ט חנוכה, צו ער האט שוין געלערנט די כוונת פון די נרות חנוכה, האט ער געענטפערט אז ער פירט זיך נישט צו לערנען די כוונת פאר יו"ט נאר בשעת'ן טון די מצוה איז ער דאס אליינס משיג.

פירט די באר מנחם אויס אז דאס שטייט דא אין פסוק, 'ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה' מיט אלע כוונת 'כאשר צוה ה' את משה' אז אהרן האט אלעס אינזינען געהאט דורך דעם וואס ער האט דאס אליינס משיג געווען, און דאס זאגט רש"י הק' 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', אז ער האט נישט געטוישט און נישט פארפעלט פון די אלע כוונות וואס זענען מרומז אין הדלקת הנרות.

*

דער הייליגע של"ה הק' ענטפערט א אנדערע תירוץ, אז די מנורה האט געדארפט זיין מקשה אויסגעקלאפט פון איין שטיק, עד ירכה עד פרחה דאס ווייזט אויף די מצוה פון אחדות, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע האלטן זיך צוזאמען, און רש"י קומט זאגן די גרויסקייט פון אהרן אז ער האט נישט געטויש פון די מצוה נאר פארקערט ער איז געווען אן אוהב ורודף שלום.

הרה"ק בעל שמועה טובה מ'קאסאן זי"ע לייגט צו אויף דעם אז עס שטייט אין יבמות אז 'מותר לשנות מפני השלום', אבער דאך אן אמת'ער חכם וועט טרעפן א וועג נישט צו דארפן צוקומען צו זאגן ליגענט מפני השלום, און דאס איז געווען אהרן'ס עבודה וואס כאטש ער איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום, נאכאלץ תורת אמת היתה בפיהו, אז ער איז נאכאלץ געווען אן איש אמת, און וועגן דעם דא ביי די מנורה וואס דאס איז די עבודה פון שלום ואחדות, דא ברענגט רש"י ארויס אז מיט דעם אלעם 'לא שינה' מפני השלום, נאר ער האט אלעמאל געטראפן א וועג נאר צו רעדן אמת.

*

רביה"ק זי"ע זי"ע ברענגט אין פתג"ק, אז בשעת דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט אנגעהויבן צו ווערן באקאנט אויפ'ן וועלט האט הרה"ק ר' פייבוש הכהן מ'קאלשאוויץ זי"ע געהאט א איידעם וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער אים געשיקט מזכיר זיין בים עטרת צבי, און דער עטרת צבי האט צוגעזאגט א ישועה, און ער האט געבעטן אז ווען די קינד וועט געבוירן ווערן, וויל ער זיין די סנדק ביים ברית, נאך א שטיק צייט איז טאקע געבוירן געווארן צו זיי א בן זכר, און מען האט פארשטייט זיך מכבד געווען דעם עטרת צבי מיט סנדקאות.

נאכ'ן סעודת ברית האט ר' פייבוש געזאגט אז היות ער איז א כהן דארף ער בענטשן, האט דער עטרת צבי געזאגט אז ער דארף בענטשן ווייל ער קען די עבודת הכהונה פונקט ווי די כהנים אין בית המקדש, האט ר' פייבוש גע'טענה'ט אז למעשה האט אהרן הכהן געטון די עבודה, האט דער עטרת צבי דאן געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט זיך אהרן הכהן נאך קומען לערנען ביי אונז, האט ר' פייבוש געזאגט אז רש"י זאגט דאך 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה' אז ער וועט נישט דארפן לערנען מער (שינה מלשון שונה הלכות), האט דער עטרת צבי געזאגט אז אונז לערנען 'שלא שינה' אז ער איז נישט געשלאפן, דאס הייסט אז ער איז מעורר אן עינא פקיחא אויף די אידן אז עס זאל זיין לא ינום ולא יישן שומר ישראל, ווייל דאס איז געווען די עבודת כהן גדול צו משפיע זיין השפעות פאר אידן, דעמאלטס האט ר' פייבוש מ'קאלאשאוויץ מסכים געווען אז דער עטרת צבי דארף טאקע בענטשן.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי יהודה אסאד זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג | כ"ג סיון | געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי יהודה אסאד בן הרה"ק רבי ישראל זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי יהודה אסאד איז געבוירן צו זיין הייליגער פאטער רבי ישראל אין יאר תקנ"ז לפ"ק, אין שטאט אסאד וועלכער איז נעבן דעם שטאט פעסט.

בימי בחרותו האט ער געלערנט אין ניקלשבורג ביים גאון רבי מרדכי בנעט זצ"ל, וועלכער האט אים ארויסגעוויזן א זעלטענע אהבה וחיבה יתירה, און אים כסדר איינגעלאדענט צו קומען עסן ביי אים אינדערהיים.

ער איז געקרוינט געווארן באדמור"ת אין שטאט סערדאהעלי, און אין שטאט רעטה. דאן האט ער געדינט ברבנות אין שטאט סעמניץ פאר איין און דרייסיג יאר, און איז דערנאך צוריק קיין סערדאהעלי, און דארט געדינט ברבנות ביז צו זיין פטירה.

דער הייליגער רבי יהודה אסאד האט מחבר געווען די הייליגע ספרים: שו"ת יהודה יעלה על ד"ח שו"ע. חידושי מהרי"א על פרקי אבות.

ער איז נפטר געווארן אום כ"ג סיון אין יאר תרכ"ו לפ"ק, ומקום מנוחת כבוד איז אינעם שטאט סארדאהעלי.

### בשפתי צדיקים תתברך

זיין גרויסע רבי הגר"מ בנעט זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף רבי יהודה אסאד: "ער איז בקי אין הלכות טריפות אזוי ווי רבי יוחנן און רב נחמן".

ווען מ'איז געגאנגען זאגן פארן הייליגן דברי חיים איבערן הסתלקות פונעם הייליגן רבי יהודה אסאד, האט ער זיך אנגערופן מיט וויטאג: "עס איז געווען א מרביץ תורה לשמה אין אונגארן, און יעצט איז ער אויך נסתלק געווארן".

*

די הספד זייענדיג ניין יאר

רבי יהודה אסאד איז שוין אלץ קינד געווען באוויסט פאר אלעמאן מיט זיינע געוואלדיגע פלייס און התמדת התורה, קדושה און ערליכקייט וואס ער האט פארקערפערט אין זיך. רבי יהודה איז ליידער יונג פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין הייליגע פאטער, און זייענדיג בלויז ניין יאר האט רבי יהודה ביי די לוי' מספיד געווען זיין פאטער.

*

### גאון מרביץ תורה

דאס אז ער איז פאר'יתומ'ט געווארן יונג, האט אים בכלל נישט געשטערט אין זיין וועג צו גדלות, רבי יהודה איז דאן געגאנגען לערנען אין א ישיבה אין שטאט סודיעץ, וואו ער האט זיך ארייגעווארפן אין התמדת התורה.

ביי די אכצן יאר איז ער שוין געווען אנגענומען אין ישיבה ווי נאר אויסגעוועלטע עילויים האבן געלערנט. רבי יהודה האט שוין דאן געקענט אויף אויסעווייניג פינעף הונדערט בלאט גמרא און אויך די ד' חלקי שו"ע.

רבי יהודה פלעגט שוין דאן אליינס זאגן שיעורים אין די ישיבה, און די ראשי הישיבה זענען שטארק באגייסטערט געווארן פון זיין כח התורה והסברה.

*

# לוח היארצייטן



**יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך**

*זכר צדיקים לברכה*

| | | |
|---|---|---|
| כ"א סיון | הרה"ק רבי שלמה בן רבי אלעזר זי"ע - מ'מונקאטש - שם שלמה | תרנ"ג |

*זכר חסידים לברכה*

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ד סיון | האשה החשובה מרת לאה בת ר' ישכר יודא ע"ה קאהן<br>אשת הרה"ח ר' חיים אביגדור ע"ה | | |
| כ"ה סיון | הרב החסיד ר' ארי' בן ר' אברהם ע"ה ראטטענבערג | תשנ"א | ביה"ח ניו דזערסי (וויען) |
| כ"ה סיון | האשה החשובה מרת צבי' בת ר' משה דוד ע"ה אמסעל<br>אשת הרה"ג ר' יעקב חיים ז"ל | תשמ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ז סיון | הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן הרה"ג ר' אהרן שליט"א פריעד<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ו | ביה"ח ניו דזערסי (האדאס) |

## דריי פאלשע באשולדיגונג אויף רבי יהודה

דער זוהן פונעם גאון רבי יהודה אסאד, ברענגט אין די הקדמה צום ספר פון זיין טאטן (שו"ת מהרי"א - יהודה יעלה) א מעשה וואס האט פאסירט ווען זיין טאטע האט געלערנט אין די ישיבה פון הגאון רבי מרדכי באנעט זצ"ל אב"ד ניקלשבורג יצ"ו.

ווען רבי יהודה אסאד איז אנגעקומען אין די ישיבה האט ער זיך איינגעקויפט א נאמען אלס גאון און מתמיד. ער פלעגט אויפזיין גאנצעטע נעכט, און פלעגט לערנען שטייענדיג כדי נישט איינצושלאפן.

אלס גמילת חסד מיט די שוואכערע בחורים וואס האבן זיך נישט געקענט ערלויבן צו צאלן געלט פאר א פריוואטע מלמד, פלעגט ער זיי צוזאמנעמען און לערנען מיט זיי די לימודים פון ישיבה.

האט איינמאל פאסירט אז עטליכע בחורים וואס האבן מקנא געווען דעם רבי יהודה אסאד אויף זיין גוטן נאמען אין ישיבה, ובפרט אז זייער רבי הגר"מ באנעט האט אים גאר שטארק מקרב געווען, האבן זיי אפגעטוהן א בייזוויליגן אקט.

איין טאג ווען רבי מרדכי באנעט איז אריינגעקומען צום שיעור, עפענט ער אויף זיין גמרא ווי געווענליך, און ער טרעפט דארטן א צעטיל, וואס איינער פון די בחורים האט אפגעשריבן אקעגן דעם בחור "יהודה אסאד".

דארט איז געשטאנען אויסגערעכנט דריי סיבות פארוואס מען דארף דערווייטערן דעם בחור יהודה אסאד:

1) ער האט זיך געגרינדעט א ישיבה מיט 50 בחורים און לערנט פאר שיעורים פאר זיי.

2) ער מאכט אוועק די תורות פון זיין רבי'ן הגר"מ באנעט זאגנדיג אז זיי זענען נישט אויסגעהאלטן און אמת.

3) ער לערנט קבלה, טראצדעם וואס ער האט נאכנישט דערגרייכט די יארן דערצו.

רבי מרדכי באנעט האט אפגעליינט דאס צעטל שטילערהייט, ער האט אבער גוט געקענט זיין תלמיד רבי יהודה צו וויסן אז דאס זענען שקרים וואס איינער האט אויס קנאה אפגעשריבן אקעגן רבי יהודה. קענענדיג חכמת הפרצוף האט ער זיך גוט אומגעקוקט אויף די בחורים, און ער האט גלייך געכאפט וועלכער בחור האט זיך דערוואגט צו טוהן אזא זאך, און שרייבן אזעלכע שארפע אומריכטיגע שקרים און פארשעמען זיין באליבטן תלמיד רבי יהודה אסאד.

דאן האט ער זיך אנגערופן צו ר' יהודה אסאד און געזאגט: איך וועל דיר פארענטפערן פון אלע דריי טענות וואס די בחורים האבן אקעגן דיר.

1) דאס וואס זיי טענה'ן אז דו האסט זיך געגרינדעט א ישיבה מיט 50 בחורים, וויל איך דיר וואונטשן אז דו זאלסט מצליח זיין, און איך וועל דיר נאך אפילו צוגעבן נאך 50 בחורים מיט וועמען דו זאלסט לערנען שיעורים.

2) דאס וואס זיי זאגן אז דו מאכסט אוועק מיין תורה, לויט ווי איך קען דיר, וויס איך אז דאס איז שקר, אבער אויב דאס איז אמת, געב איך דיר רשות - אויב דו זעהסט אין מיינע רייד עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן - אז דו מעגסט דאס אוועקמאכן און זאגן אז איך האב נישט גוט אפגעלערנט די זאך.

3) און צום לעצט, געב איך דיר רשות צו לערנען קבלה, טראץ דיין אינגן עלטער!

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**






## משנתו היסודי שנוגע גם להשכמה

ח. מרגלא בפומיה בשיחותיו, להשריש בלבות התלמידים את אחד העיקרים שהעמידו הבעש"ט הק' ותלמידיו זי"ע כיסוד ובסיס בעבודת ה', שאדם שמקיים תורה ומצוות בהידור עדיין לא מספיק, אלא עיקר התענוג והנחת רוח של הבורא ית"ש הוא מזה העבודה שעורך מלחמה בכח המנגד של גופו החומרי וכל טבעיותיו הרעות שמונעו לקיים רצון הבורא, ומתגבר עליו וכובשו ושוברו בעל כרחו, ולא מתפעל מכל המניעות, כי זה עיקר תכלית ירידת האדם לעולם הזה להיות עבד נאמן לה' להכניע ולשעבד את חומר הגוף, ולא יאמר לעצמו שלום עלי נפשי להתרצות ולהסתפק במצבו, אלא תמיד ישים עין להילחם עם היצר הרע, הן בעשה טוב לרומם את תורתו ותפלתו וקיום המצוות ביתר שאת, והן בסור מרע להתרחק מתאוות ותענוגי הגוף ולתקן מידותיו הרעות ביתר שאת, ולא להימשך אחר הרגל וטבע גופו ורצונותיו המושכו להיפך מכל אלו.

ואם כי אין לנו הכוחות להכניס עצמו להרגיז מלחמות והתנגדיות נגד היצר וטבע הגוף, אבל כששולחים מהשמים נסיונות ומניעות, יכיר וידע שהמטרה הוא לטובתו הנצחי כדי לרומם את נשמתו, כי כמה שילחום ויתנגד נגדו, יתעלה יותר ויותר, כי עיקר הקדושה נקנה במדה זו, כי אין דבר מתפעל אלא מהיפוכו והרגל נעשה טבע שני, וכך יזכה לירש שני עולמות, שגם בעולם הזה ישתחרר משעבודי היצר ח), ויסוד זה יועיל לו שיוכל להתגבר בעבודת ההשכמה בכל מיני מצבים [י].

### מעיינות הלוי

ח) כתב בספר תולדות יעקב יוסף (פ' ויקהל) וז"ל, וכאשר שמעתי ממנו [הבעש"ט] ג"כ ענין ה' אלפין א'מר א'ויב א'רדוף א'שיג א'חלק (שמות טו, ט), שאלופו של עולם הוא כאן בהסתר, ודברי פי חכם חן, אם כן זהו עיקר השבח והשירה, שהיו סוברים בגלות מצרים שהוא אויב, ועכשיו שהרגישו שהוא עצם יתברך, נעשה מן אויב אוהב, וזהו עצמות הגאולה והוא בכל אדם ובכל זמן, והוא סוד גלות מצרים וכו', ושפיר יש שייכות להשירה 'אמר אויב ארדוף אשיג', וק"ל.

ובספר נתיב מצותיך (נתיב התורה שביל א אות יג) וז"ל, אמר מרן הריבש"ט, דא שווער איך אייך, שיש איש אחד בעולם ושומע תורה לא מפי מלאך ולא מפי שרף אלא מפי הקב"ה בעצמו, ומתיירא בכל עת ורגע שלא יפילו אותו לנוקבא דתהומא רבא ר"ל. כי אתה תיסבור אחי שהמלחמה גדולה שיש לאדם בעולם הזה הוא שלא יהיה נואף או גנב וכיוצא, זה ניקל לתינוק קטן לכבוש.

### בארות הלוי

[י] כאשר האדם מקבל על עצמו עבודה זו להיות עבד לה', הוא משתחרר מכל שאר השעבודים שבעולם, ופרנסתו מצויה לו בריוח, כי מה שהאדם צריך להיות טרוד על המחיה ועל הכלכלה, היא רק כדי שעי"ז יזדכך חומר הגוף, אבל אם מזכך החומר, ע"י שמקבל על עצמו להיות עבד לה', שוב אינו צריך להיות עבד לעניני העולם וכו', ובתוך הגלות זוכה לבחינת גאולה פרטית וכו', ודבר זה אני חוזר ללמד אתכם שוב ושוב, שתסכימו למסור את עצמכם לעבודה זו להיות עבד לה', על כן למען אחי ורעי אדברה נא שלום, ובכל דיבורי אליכם אינם אלא מחמת גודל אהבתי אליכם, כי איני מבקש אלא טובתכם, ללמדכם שלא תאבדו את עצמכם בידים משני עולמות חלילה (שיח"ק ח"ג עמ' קעו).

על כן קבלו נא עליכם להלחם עם כחו של עמלק, ותעוררו את לבבכם לעבוד את ה' בדרך מלחמה, כמו שתלמידי בעש"ט הק' לימדו אותנו, ואל תפטרו עצמכם לחשוב כי די להתנהג כאיש פשוט. כי אם האדם אינו עובד בפנימיות לזכך נפשו בחיים חיותו, אזי אינו משלים את תכלית ירידתו לעולם, ויצטרך להתגלגל חלילה שוב אפילו כמה פעמים עד שיתעורר לעבוד את ה' בפנימיות, כי עיקר תכלית ירידת האדם לעולם הזה אינו אלא כדי שיזכך גופו החומרי (דבר"ק ח"ב עמ' רצד).

אלא עיקר המלחמה להמתיק החשכות והמְסָכִים, ולקבל יסורין באהבה, ולזכך מדותיו מדות טובות הכנעה, ולהינצל מגאוה שהוא עבודה זרה ממש, וכיוצא מן המדות טובות, ולדרוש ולחקור להאיר על נפשו דביקות אהבה ואור אלקי, ואדם עומד בסכנה כשנכשל חלילה במעט גאוה ופניה, נופל לנוקבא דתהומא רבה, עכ"ל.

וכ"כ בהקדמתו שם וז"ל, כי האדם עומד בכל עת בסכנה גדולה ובקל יוכל לדחות, ואין להאמין לעצמו כלל ואפיל רגע אחד, אם לא בהשכלה יתירה כמאמר מרן הקדוש ריב"ש טוב וכו'. והענין שצריכין בדיקה הרבה ושקידה יתירה בקדושה חיפוש אחר חיפוש וכו', ואם הוא שוטה לא ירגיש, והשוטה הזה בעיניו בכל עת צדיק גמור, כי שוטה אינו מרגיש מן הסכנה שיש בכל עת ורגע לצדיקים אמיתים, ולכן תמיד נשבר לבם בקרבם לאלף שברים, מבקשים מבעל הרצון שלא ידחה אותם, ושיקרב אותם בכללות אהבת ישראל, והם בכל רגע בטלים למבוטלים לאור אין סוף והשכינה שורה עליהם וכו', עכ"ל.

וכתב בספר דודאים בשדה (תלמיד הרה"ק ר"א מליזענסק והרבי מלובלין זי"ע, פ' וישלח) וז"ל, והנה האדם צריך להיות לוחם מלחמה תמיד עם היצר הרע כנודע, ואין טוב לאדם שיאמר בלבבו כי כבש יצרו והוא אדון ליצרו, ולא ישגיח לעשות מלחמה עמו, כי אז ילכד במצודות יצר הרע, רק כל ימיו יהיה זריז לעשות מלחמה וידמה תמיד בעיניו כי הוא בחינת עבד, ויצר הרע הוא אדון, אז יעשה מלחמה בתחבולות להיות עבד חפשי מאדוניו.

ועפ"ז נ"ל לפרש פסוק (משלי יב, ט), 'טוב נקלה ועבד לו ממתכבד וחסר לחם', ר"ל, שיהיה האדם נקלה בעיניו ועבד לו ליצר הרע, ר"ל, שידמה בעיניו שעדיין לא כבש יצרו והוא בבחינת 'עבד', ממתכבד בעיניו ולומר שכבר הוא 'אדון' לעצמו, 'וחסר לחם' לשון מלחמה, ר"ל, כי אם הוא בעצמו בחינת אדון, אז אינו חושש לעשות מלחמה עם יצרו ונלכד במצודתו, והבן, עכ"ל.



האדם ירד לעלמא הדין, כדי להכניע כל הטבעיות הרעות הללו של הגוף, ותמיד צריך לערוך מלחמה גדולה עם חומר גופו, להרגילו בעל כרחו לעבוד את ה', כי הרגל נעשה טבע שני, וצריך להרגילו שיסכים להשתעבד לסדר יום קבוע, לשכב בזמן קבוע, ולקום באשמורת בזמן קבוע, ולהתעמק בתורה ועבודה במסירות נפש, ושלא ילך אחר תאות לבבו באכילה ושינה יתירה, וכן במשך כל היום והלילה צריך האדם להגביר כח נשמתו על כח גופו, שעסקי הנשמה יהיו בעיניו עיקר חיותו, וכל עסקי הגוף יהיו טפלים ובטלים לעסקי הנשמה. ועל ידי זה יזכה לאט לאט להפוך החומר שלו לצורה רוחניות, לבטלו אל רצון הנשמה, ואז יזכה שהשכינה הק' תשרה בקרבו, וירגיש נועם ה' וקרבת אלקים, וכאשר ירגיש זאת, שוב לא יחסר לו כלום בעלמא הדין (אמר"ק ח"א עמ' רצו).

בכל הענינים שבעולם שהאדם עוסק בהם במשך היום, ירגיל את עצמו לעשות כל דבר דייקא היפך מטבעו, כי זהו תכלית ירידת האדם לעולם הזה (דבר"ק ח"א עמ' קנה).

רבי יהודה בן תימא איז געקומען זאגן, ווי אזוי א מענטש קען עקזסטירן אויף דער וועלט, ער זאל נישט זיין קיין עבד פארן עולם הזה, די ערשטע זאך רץ כצבי וגבור כארי, ער זאל טון העכער די כחות, אויפשטיין צופרי אפילו ס'איז שווער, ס'איז קאלט, אינדרויסן איז קאלט, די מקוה איז קאלט, זאל ער נישט נאכלאזן, ווען א מענטש האט אהבה צו א זאך, גייט ער דערפאר אין שניי און אין קעלט, אזוי איז א מענטש האט ליב די תורה, גייט ער למעלה מן הטבע, איז אים גארנישט שווער, אהבה הייבט אויף דעם מענטש צו טון העכער די כחות, ס'האט נישט קיין שיעור צו וואס אהבה קען צוברענגען, אז מ'האט שכל לייגט מען זיך ביינאכט מיט אהבה, און מ'שטייט אויף צופרי מיט אהבה, מ'לאזט זיך נישט נאך, איז מען זוכה צו ווערן באפרייט פון די שעבודי עולם הזה (שפתי קודש עמ' רפב).

היוצא לנו מזה, אז אויף דעם דארף א יוד גוט צו לייגן קאפ, ער זאל נישט ווערן געכאפט אין דעם שרעקליכן כח היצר פון 'צפוני', דארט ליגט דער עיקר שוועריגקייט, ווייל דער מענטש זעט נישט איין אז אז ס'טויג נישט, ער זעט נישט איין אז ער איז קאלט, ער רעדט זיך איין אז ער איז וואל און פיין, ער טוט נישט קיין עבירות און פערטיג.

ער כאפט זיך נישט אז ס'פעלט די נשמה פונעם דאווענען, די נשמה פונעם לערנען, ס'פעלט נאך די ריכטיגע כוונה, ס'גייט אלעס מיט א נאכגעלאזענקייט, ער כאפט אפ דאס דאווענען. און אזוי אויך פעלט אים נאך אסאך קדושה וטהרה, ער היט זיך נישט פון זיך נאכגעבן די תאוה ביים עסן, און ביי די אנדערע ענינים גשמיים ר"ל, ער זעט נישט אז דער יצר הרע כאפט אים אריין וכו'.

איז די עצה צו דעם, מ'זאל זיך לערנען פון צדיקים און ערליכע יודן, זוכן מקבל צו זיין פון זיי א הדרכה ווי אזוי א יוד דארף אויסצוזען, זיי וועלן אים צו ווייזן ווי אזוי א יוד קען זוכה זיין זיך צו היטן פונעם כח היצר. ווי דער בעש"ט הק' ותלמידיו הק' האבן שטענדיג דאס געלערנט פאר זייערע תלמידים, כסדר האבן זיי געוויזען ווי אזוי א יוד דארף זיך היטן פונעם בעל דבר, ווי אזוי ער דארף פירן א מלחמה שטענדיג, ווייל די מלחמה איז דא כסדר, מ'קען נישט לעבן סתם אזוי, יעדע רגע דארף מען זיך מקדש ומטהר זיין אלע איברים, דארף מען וועלן זיך לערנען ווי אזוי דאס מקיים צו זיין, מ'דארף זוכן מקבל צו זיין און זוכן וואס מ'טוט נישט גוט, וואס מ'קען נאך אלץ מתקן זיין און תשובה טון (אמר"ק ח"ב עמ' רנא).

ס'איז נישט גענוג סתם אז מ'איז א יוד, מ'דאווענט, און מ'לייגט תפילין יעדן טאג, דאס איז נאך זייער ווייניג, דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז עבודה, 'ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם', 'ועבדתם את ה' אלהיכם', א יוד דארף כסדר לעבן אין א מלחמה, זיך כסדר שלאגן מיטן גוף, זיך פלאגן צו ברעכן די תאוות און רצונות אפילו ס'גייט שווער, דער רבוש"ע האט דייקא אזוי אויסגעשטעלט אז דער מענטש זאל האבן א תאוה צו עסן, און צו שלאפן, און צו רעדן כאטשיג וואס, כדי ער זאל דאס דורכברעכן, און זאגן ניין, איך וויל נישט די תאוה, איך וויל נאר דעם רצון הבורא, דער רצון הבורא דאס איז מיין תאוה, ווי מ'זאגט אינעם פיוט פונעם בעל החרדים 'לך ידיד נפשינו כל מאווינו אתה שמחת לבנו וכל תאוותינו וכל טובותינו', דו רבוש"ע ביסט מיין גאנצע תאוה און גלוסטעניש (אמר"ק ח"א עמ' רו).

אונז זעמער נישט אין די מדרגה אז מ'זאל זוכן צו האבן א ניגוד, ס'שטייט פון צדיקים אז דער מענטש זאל נישט זוכן קיין כח הניגוד, ער זאל זיך נישט אריינברענגען אין קיין נסיון וכו', אבער די נסיונות וואס מ'שיקט פארן מענטש פון אויבן, זאל ער אננעמען מיטביידע הענט.

דאס וואס ס'קומט אים אן שווער דאס אויפשטיין צופרי, ס'קומט אים אן שווער דאס לערנען און דאס דאווענען, אדער ס'קומט אים אונטער צו האבן א שווער הארץ אויף א צווייטן, זאל ער זיך פרייען אז ער האט יעצט א געלעגנהייט זיך צו שטארקן, דאס איז דער עיקר חשיבות פון די עבודה, ס'זאל זיין דבר והפכו, אז ס'גייט מיט א כיבוש ווערט עס זיינס, מיט דעם איז דער מענטש קונה די זאך, ווייל ער האט עס איינגענומען, ער הא זיך געשטארקט איבער דעם (שפתי קודש עמ' לו).

ווען יודישע קינדער זענען ח"ו מואס אינגאנצן דעם דרך ה' וכו', זיי זוכן נישט צו פירן א מלחמה מיטן כח המנגד וואס ברענגט צו דעם מענטש צו זינדיגן, דעמאלטס איז יחוס אבות מעורר א קטרוג, אויב אבער יודישע קינדער הארעווען צו גיין קעגן די כחות המנגדים, זיי האבן א רצון צו זיין גוט, זיי ווילן פירן א מלחמה, דעמאלטס איז אפילו אויב זיי פאלן אמאל דורך חלילה מחמת התגברות היצר, ווייל זיי האבן נישט געקענטביישטיין דעם גרויסן כח הניגוד, קען מען נאך יא מזכיר זיין זכות אבות וכו', ממילא אויב א יוד פירט א מלחמה מיטן כח היצר, ער פאלט נאר דורך ווייל ער האט נישט געקענט דורכברעכן דעם שווערן כח הניגוד, קען מען יא מזכיר זיין זכות אבות, ס'איז נישט מעורר קיין קטרוג וכו'.

היוצא לנו מזה, אז די גאנצע מעלה פון א יוד ווען ער קען זיך מתייחס זיין צו די אבות הקדושים, איז אויב ער הארעוועט שטענדיג צו פירן א מלחמה מיטן כח המנגד, דעמאלטס איז אפילו אויב ער פאלט אמאל דורך מחמת התגברות היצר, איז נאך אלץ דא דער כח פון זכות אבות. אויב א יוד זוכט אבער נישט

לוחם צו זיין מיטן כח הניגוד, ער שלאגט זיך נישט מיטן יצר, ער טוט אלעס אן קיין מלחמה, נאר ווי אזוי ס'איז אים גרינג, דעמאלטס וועט אים נישט העלפן די זכות אבות, נאר ס'וועט נאך מעורר זיין א קטרוג חלילה.

ווי דער של"ה הק' זאגט אז פארדעם שטייט דאס אין די תוכחה, ווייל דער עיקר תענוג ונחת רוח פונעם אייבערשטן איז, ווען א יוד פירט א מלחמה מיטן כח המנגד, כאטש ער האט א כח הנגדי וואס האלט אים אפ פון טון דעם רצון הבורא, איז ער זיך מתגבר דערויף, ער ברעכט דורך אלע מניעות מיט געוואלד.

ממילא קען א יוד נישט טראכטן, ס'איז גענוג אז איך בין מקיים תורה ומצות יוצא צו זיין, וואס דארף איך זיך פלאגן און הארעווען בדרך עבודה, ס'וועט שוין זיין גוט אזוי אויך. ס'גייט נישט אזוי, די עבודה דארף גיין בדרך מלחמה, דאס איז דאך דער טעם פארוואס די נשמה קומט אראפ אויף דער עולם אריין אין א גוף וואס ציעט צו שלעכטס און צו גשם.

כדי ער זאל פירן א מלחמה און הארעווען אז דער גוף זאל אים נישט פארפירן וכו', זאלסט ציטערן יעדע רגע זאלסט נישט פאלן פון יודישקייט, פארוואס 'מנגד' ווייל דו האסט דאך א נגדיות, א גוף המנגד וואס ציעט צו תאות עולם הזה וכו', יעדע רגע דארף ער צולייגן קאפ צו היטן אלע איברים, צו היטן דאס מויל און די אויערן, די מחשבה און די מעשה.

און אפילו בשעת תורה ותפלה דארף ער זיך היטן פון מחשבות זרות, דער בעל דבר זאל נישט אריינמישן זיינע קרומע וועגן וכו'. דאס טו איך אלץ איבער חזר'ן פאר מיר און פאר די גאנצע חבריא קדישא, ה' ירחם עלינו, מ'זאל מיר זוכה זיין מכניע צו זיין דעם חומר און זיין דבוק צום בורא כעל עולמים וכו' (אמר"ק ח"ב עמ' קכז).

דעם יסוד האלט איך איין חזר'ן, אז דאס גאנצע יודישקייט איז געבויעט אויף דעם, ווייל ס'איז שווער, דער מענטש האט מניעות, ס'זעהט אים אויס אז ער קען עס נישט באווייזן, און ער שטארקט זיך, פון דעם ווערט זיין כח שטערקער. דאס וויל מען נישט פארשטיין, דער מענטש רעדט זיך אפ, ווי קען איך דורכפירן די זאך, ווי קען איך זיך אזוי איבערגעבן צום לערנען, צום דאווענען, איך האב דאך נישט קיין כח, דער גוף לאזט דאך נישט. דער מענטש ווערט צובראכן ווען ער זעט פאר זיך די מניעות, די כחות המנגדים.

דערווייל איז פארקערט, דער כח המנגד קומט אים צו שטארקן, אין אמת'ן קען ער יא, וואס דער אייבערשטער הייסט, קען מען, דאס וואס ער האט שוועריקייטן, קומט כדי אים צו הייבן מער, ער זאל פון דעם ווערן שטערקער וכו', פארדעם ווערן צדיקים געגליכן צו די זון, 'ואוהביו כצאת השמש בגבורתו', 'בגבורתו' מיט זיין שטארקייט וואס ער גייט קעגען אלע מניעות, אזוי טוען צדיקים אויך, כאטש דער יצר שלעפט זיי כסדר אוועק, גייען זיי ווייטער אויף זייער וועג, מיט א געוואלדיגע שטארקייט, קעגן אלע כחות המנגדים.

דאס אלעס קומט לערנען פארן מענטש, אז ס'דארף גיין דייקא אויף דעם אופן, ער זאל האבן מניעות, דער גוף שלעפט אים, ער לאזט אים נישט טון דעם רצון הבורא, און ער דארף זיך שטארקן, כדי צו לויפן צום אייבערשטן, ס'דארף גיין מיט א מלחמה, ס'דארף זיין פארשטעלט, און מ'זאל אויפזוכן דעם אייבערשטן מתוך ההסתר, דער רבוש"ע באהאלט זיך פון א יוד, ער זאל נישט זען דעם אור ה', כדי ער זאל אים זוכן מתוך החושך, ער זאל וויסן אז דער אלופו של עולם ליגט באהאלטן אין די שוועריקייטן, און ער זאל מיט געוואלד דורכברעכן דעם כח החושך, דעם כח הניגוד.

און ווי דער בעש"ט הק' זאגט אויף די חמשה אלפין, פונעם פסוק אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל, אז דאס ווייזט, אז דער מענטש זאל אלץ געדענקען, אז אינעם אמר אויב, דאס הייסט אינעם כח היצר, ליגט באהאלטן דער אלוף דער אלופו של עולם, אז דער מענטש ווייסט דאס, קען ער זיך שטארקן אויפן אויב, אופן כח המנגד (שפתי קודש עמ' ט).

היינט אז א מענטש טוט נאר אביסל, מיינט ער אז ער האלט שוין ביי א מדרגה. ער רעדט זיך איין אז ער האט שוין געטון דאס גרעסטע, און ער דארף שוין גארנישט טון, ער איז שוין פערטיג. דער בעל דבר רעדט איין יעדן אויף אן אנדערן אופן, ער כאפט אריין יעדן מיט זיינע שטיקלעך, צו יעדן קומט ער מיט אן אנדערן געשעפט. און יעדן טאג מיט א צווייטע געשעפט, דעם שענסטן יוד קען ער אריינכאפן מיט גיאות און כעס והקפדה, אפילו נאר אין הארץ, און מיט דעם גייט ער נעבעך ארום, צי דעם פירט ער זיך, און זיין גאנצן שטוב, און ער איז נאך צופרידן, ער מיינט אז אלעס איז גוט און פיין, ער ווייסט גארנישט אז ער ליגט אין די הענט פונעם בעל דבר.

ממילא אז מ'וויל ניצל ווערן פון די פאלטשע זאכן, דארף מען גיין בדרך מלחמה, מ'דארף הארעווען מיט יגיעה זיך מתגבר צו זיין אויפן חומר, אפילו ווען ס'שמעקט אים צו רעדן אינמיטן לערנען זאל ער טון נגד הטבע, לערנען דוקא ברציפות.

און די זעלבע דאס דאווענען זאל גיין מיט הארעווניא, און אז עפעס איז נישט צוגעשטעלט פונקט ווי ער וויל, זאל ער דאס אויך מקבל זיין באהבה. און צוביסלעך קען ער זיך צוגעוואוינען, ער זאל צוקומען הנאה צו האבן פון די יגיעה, ער זאל הנאה האבן אז ער קען אביסל מיטמאכן און זיך אביסעלע אויסלייטערן וכו' זאלסט הנאה האבן אז דו קענסט זיך מייגע זיין, זאלסט זיך פרייען אז ס'גייט נישט ווי דו ווילסט, ווייל דו וועסט פארשטיין אז נאר אזוי קען מען צוקומען צום אייבערשטן, דעמאלטס וועט זיין אשריך וטוב לך, אשריך בעוה"ז וטב לך לעוה"ב (אמר"ק ח"א עמ' קעח).

איך בעהט נאכאמאל מיך און אלע תלמידים וואס זיצן דא, און וואס זענען נישט דא, מ'זאל זיך נעמען צו די עבודה, ס'זאל גיין אלעס אויף דעם אופן, העכער די טבע, נישט נאכגעלאזן, נאר צו יוצא צו זיין, ווי א מענטש וואס טוט נאר וואס ער מוז, ווען מ'שלעפט אים אריין צום לערנען קומט ער, און אזוי ווי מ'האט אים נאר עפעס געזאגט, איז ער שוין באליידיגט, דאס איז אלעס דער טבע הגוף.

אונזער עבודה איז, צו גיין למעלה מן הטבע, מהפך צו זיין דעם חומר, נישט חלילה חרוב מאכן דעם גוף, נישט דאס מיינט מען, נאר מ'זאל טון אפילו ס'איז שווער, א זאך וואס לויט זיין גבול, לויט זיין נאטור, דערהייבט ער דאס נישט, זאל ער עס דאך טון, אפילו ס'איז הייס, און ס'איז קאלט, און ס'שמעקט צו עסן גוט און שלאפן גוט, זאל ער טון נגד התאוה, נגד הטבע, העכער די גבול.

און ווי מ'האט געשמוסט, אז קיינער קען נישט טון וואס יענער, ס'איז פארהאן א גרעסערער מוח און א קלענערער, אבער יעדער קען טון העכער זיין גבול די דרך הטבע, זאל ער גיין למעלה מזה, ביי איינעם מיינט למעלה מן הגבול, אז ער לערנט צוויי בלאט גמרא מער א טאג, ביי איינעם אז ער לערנט צעהן בלאט גמרא מער, לויט זיין מוח, לויט זיין השגה, איז דאס ביי אים דער זייער, העכער פון זיין גבול, למשל ביים בעש"ט הק', איז געווען דער זייער, ער זאל פאסטן משבת לשבת, ער האט געקענט גיין אונטערן אייז וכו' אזוי דארף יעדער מענטש גיין אלץ איבער זיין גבול וכו'. אז דער מענטש פירט זיך אזוי רירט ער אן זייער הויעך וכו' דאס איז א טיפער ענין, איך זאג עס ממש אין קורצן, איך וויס נישט צי פארשטייט ווי קורץ איך זאג עס (שפתי קודש, אמור).

עיקר היסוד איך יתקרב האדם אל ה' יותר ויותר הוא, על ידי ששובר את טבע גופו לכבוד ה', וכפי מה שמתרחק מהגשמיות, זוכה לקנות רוחניות. וכמו כאשר האדם רוצה להשיג חפץ גשמי, צריך לקנותו ולשלם בעדו, וה"ה ברוחניות כדי להשיגו צריך לקנותו, אבל לא במעות קונה זאת, כי אם על ידי שמוכר בעבורה את עניני הגוף, שממעט תאותו באכילה, ובשינה, ובדיבור, וממית את עצמו באהלה של תורה, ועוסק בתורה ותפילה גם כאשר הוא עייף ורעב וצמא וכו'.

זאת צריך האדם לחזור ולשנן לעצמו שברו על ה' אלהיו, לתברא גרמייהו תבירו על תבירו, וכולא על ה' אלהיו, בזה קונה האדם קנין רוחני, וזוכה לקרבת אלהים, אבל אם האדם רוצה לדבר כפי רצונו ולישון כפי רצונו, ולנוח מעבודתו שוב ושוב, כי מבקש רק מנוחת הגוף, ורוצה לפטפט תמיד עוד חדשות ועוד חדשות, מוכר בזה את העולם הבא בעבור עולם הזה (שיח"ק ח"ג עמ' שפד). וראה עוד להלן מענין זה בבארות הלוי (סימן לט אות יח, ובסימן מב סעיף מה).

## סימן טוב ומזל טוב

ברגשי גיל חדוה ששון ושמחה הננו מברכים את ברכותינו החמות והלבביות, אל מול פני מעלת כבוד ידידינו וידיד כל בית ישראל המפואר והנעלה, מפורסם בשערה, לשם ולתפארה, במעשיו הכבירים, שמו מפוארים, יפה פרי תואר, נחמד למטה ואהוב למעלה, לב טוב בנעימה, בפנים מסבירה, לכל מאירה, זכה לעמוד לימין קדשו של רבינו הקדוש זי"ע במסירות רבה ונאמנה, ועומד לימין קדשו של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א בעוז ותעצומות, ולכל דופקי שעריו בהשכל בדעת ובתבונה עונה ומברך לחזק ולאמץ, עומד בראש מפעל "להתקשר" זה כמה שנים כולם שוים לטובה, ומשליך נפשו מנגד יומם ולילה לעמוד לימין קהלתינו ומוסדותינו הקדושים, כש"ת

מוה"ר

# יצחק נחום האמבורגער

הי"ו

העומד על הפקודים לקבץ ולאפס נדבת אנשי שלומינו למען מוסדותינו הק' בקרית מלך רב

לרגל שמחתו הגדולה

## באירוסי בתו הבכירה

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

עב"ג החתן **אלי' ברוין** נ"י

ממצוייני תלמידי ישיבתינו הק' אוה"ח

בן מוה"ר **משה מאיר** הי"ו

מיקירי אנ"ש בעיר מאנסי

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שתרווה רב נחת ותענוג דקדושה מכל יוצ"ח היקרים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עושר ואושר הרחבת הדעת דקדושה וכל טוב סלה, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, ויזכה להמשיך משמרתו הקדושה לאורך ימים ושנים טובים, וברכתו הטהורה של מרן רבינו הקדוש זי"ע ילווה אותך כל ימי חייך, עדי נזכה שיוליכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א באנפין נהירין ובבריות גופא ונהורא מעליא, לקראת משיח בן דוד, במהרה בימינו אמן ואמן.

השמחים בשמחתו ומוקרים פעולתו

חברי הנהלת המוסדות

גדול העונה יותר מן המברך:

משה יצחק הערשקאוויטש

להתקשר

עם רביה"ק זי"ע

בהחזקת מוסדותינו הק'

---

בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פק"ק קרית טאהש יע"א

## כי עבד נאמן קראת לו

ישמח לבינו ותגל נפשינו, בחדוה השורה בחצרות קדשינו, בשמחת ידידינו, העומד לימין עטרת ראשינו, ויאמר הנני

ברגשי גיל חדוה ששון ושמחה הננו מברכים את ברכותינו החמות והלבביות, אל מול פני מעלת כבוד ידידינו וידיד כל בית ישראל המפואר והנעלה, מפורסם בשערה, לשם ולתפארה, במעשיו הכבירים, שמו מפוארים, יפה פרי תואר, נחמד למטה ואהוב למעלה, לב טוב בנעימה, בפנים מסבירה, לכל מאירה, זוכה לעמוד לימין קדשו של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א בעוז ותעצומות

הרה"ח ר'

# יצחק נחום האמבורגער

שליט"א

משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

לרגל שמחתו הגדולה

## אירוסי בתו הבכירה

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

עב"ג החתן המופלג בתוי"ש

כמר **אלי'** נ"י

ממצוייני ישיבתינו הק'

בן מו"ה ר' **משה מאיר ברוין** הי"ו

מיקירי אנ"ש בעיר מאנסי

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שהזיווג יעלה יפה יפה, ותהא בנין עדי עד, ותבנה דורות ישרים ומבורכים, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, ויזכה להמשיך משמרתו הקדושה לאורך ימים ושנים טובים, עדי נזכה שיוליכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א באנפין נהירין ובבריות גופא ונהורא מעליא לקראת משיח בן דוד במהרה בימינו אמן ואמן.

המשמשים בקודש בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א
המברכים בלב ובנפש וחותמים שמם בהוקרה אהבה ושמחה

יעקב זוסמאן סופר • ראובן מנחם שווארץ
משה סג"ל ראטמאן • יואל אלחנן פאפלאנאש
אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס • יעקב יוסף כהנא
אליעזר הערש פישער • יעקב אלימלך קליין

---

# חצר הקודש טאהש

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע • אונגארן • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

ביהמ"ד | מקוה | הכנסת אורחים | ציון הקדוש

Hácár Hákodes Tass Alapítvány

Bem út 22/B, 4522 Nyírtass Hungary | +1-514-559-6284 | +36 30 251 8362

בס"ד

## ויושר יליצו שרפי אש

זיך גרייטענדיג צום יומא דהילולא קדישא פון

## רבינו השרף זיעועכי"א

הרה"ק מרן משולם פייש בן רבי מרדכי סג"ל זי"ע

אב"ד ור"מ פה ק"ק טאהש יצ"ו

וועלכע געפאלט היי יאהר

## שבת קודש פרשת שלח

## כ"ח סיון הבעל"ט

ווילן מיר מעלדן פאר אלע וועלכע וועלן זיך משתטח זיין על ציון קדשו אז דער

## בנין הכנסת אורחים

## בחצר הקודש טאהש – אונגארן

שטייט גרייט בעז"ה צו אקאמאדירן די פולע משתתפים

Bem út 22/B, 4522 Nyírtass Hungary

דער בנין אנטהאלט א שיינער צוגעגרייטער ביהמ"ד מיט סידורים וספרי קודש, ספר תורה, א באקוועמע מקוה, א חדר האוכל, און ס'איז צוגעשטעלט כסדר טעימה קלה ושתי' חמה.

## סעודת הילולא קדישא מוצאי שב"ק

וועט געפראוועט ווערן בע"ה בראשות נכדי בעל הילולא זי"ע

## בהיכל הבית המדרש

מנין תהלים מוצשב"ק בחצות הלילה - ומניני תהלים וועלן פארקומען כסדר אין אהל הקדוש

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו וימליץ טוב בעדינו

פועל'ט אלעס גוטס

**ווער עס וויל רעזערווירן אש"ל**

פאר די ימי ההילולא

זאל זיך מעלדן ווי פריער צו העסקן הדגול מוה"ר **אהרן שווארטץ** הי"ו

514.559.6284

חצר הקודש טאהש – אונגארן

---

ויושר יליצו בעדינו חיות אש

בס"ד

# נסיעה טאהש-אונגארן

ליומא דהילולא קדישא של
רבינו השרף מרן משולם פייש זי"ע

## בשב"ק פר' שלח, כ"ח סיון הבעל"ט

אין באגלייטונג פון נכד בעל הילולא, פה מפיק מרגליות
הגאון רבי **שלמה יונגער** שליט"א דומ"ץ טאהש ק"י

**סדר הנסיעה בע"ה:**

מ'פארט ארויס
**דינסטאג נאכמיטאג פר' שלח**
June 9

מ'וועט זיין צוריק
**זונטאג נאכט פר' קרח**
June 14

שב"ק שלח וועט מען פראווען אין
**חצר הקודש טאהש-אונגארן**

מ'וועט פוקד זיין די ציונים הקדושים אין:

**ליזענסק** // **קאמארנא** // פרעמישלאן // **זידיטשוב** //
מונקאטש // **קאסאן** // **אוהעל** // קערעסטיר // **קאלוב** //
ראצפערט // טשענגער

**$2,890 usd**

אלעס אריינגערעכנט, פליגער, יעדע נאכט האטעל, רואיגע תפלות,
מקוה, טעגליכע ווארימע סעודות, אש"ל מלא

די ביליגע פרייז איז גילטיג ביז פרייטאג פר' נשא May 29

רעזערווירט ווי שנעלער
ווילנער טרעוועל
**718-989-1155**

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

### מנהגי רביה"ק בחליצת תפילין

- רבינו הקדוש זי"ע האט אראפגענומען די כריכות פון די פינגער און האנט פלאך, און אויסגעטון די של ראש מיט די לינקע האנט, און די קשר אנגעכאפט מיט די רעכטע האנט.
- די קשר פון של ראש האט ער געלייגט אויפן מעברתא, און די צווי זייטן איינגעקנייטשט אונטערן בית, און צוזאמגעלייגט די רצועות ארום די צווי זייטן.
- אויך בשעת'ן אויסטון די תפילין של יד, איז ער נזהר געווען אז די יוד זאל זיין נאנט צום בית, און האט געמאכט א כריכה אויפן מעברתא, צו גוט מהדק זיין די יוד צום בית, און די גאנצע רצועה געוויקלט ביי די אנדערע זייט פון די יוד.
- די של ראש לייגט מען רעכטס פונעם בייטל, און די של יד אין די לינקע זייט.
- ער האט מדקדק געווען נישט צו לאזן די תפילין אויפן טיש מגולה, און אויב איינער איז נישט נזהר געווען אין דעם האט ער מעורר געווען. אנהייב יארן האט ער אליין צוזאמגעלייגט די גאנצע תפילין[1].

### מנהגי רביה"ק בתפילין דר"ת

רבינו הקדוש זי"ע האט איינגעפירט צו זאגן די פסוק 'ויהי נועם' פארן לייגן תפילין דר"ת.

ווען ער האט געלייגט די תפילין של יד דר"ת אויפן האנט, און אנגעכאפט די רצועה צו מהדק זיין, האט ער געזאגט די ווערטער 'לשעבד בזה תאות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו'.

נאכן לייגן האט ער געזאגט די ד' פרשיות. ביי די פרשה פון ציצית האט ער אנגעכאפט די ציצית[2]. מ'מעג ענטפערן דברים שבקדושה צווישן דעם של יד און של ראש פון ר"ת תפילין.

אויך מיט תפילין דר"ת זאל מען נישט רעדן קיין דיבור של חול[3].

---

1 אולם ברבות השנים, כאשר סיים התפלה מאוחר מאוד, הי' ממהר עצמו להתפלל תפלת מנחה לפני הלילה, הי' נותן לבחור לקפל התפילין של רש"י, ושל ר"ת קיפל בעצמו.

2 דערנאך האט ער געזאגט לדוד ה' אורי, צלותא דאמוראי, פסוקי אל תירא, שש זכירות, יג עיקרים, פר' היראה, פר' התשובה, פר' המן.

3 ובדבר נחוץ שלא הי' ניתן לדחותו דיבר בקצרה בלשון הקודש.


מזל טוב

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**אהרן יוסף** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**מינדל דבורה** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשטומ"צ
ביום א' לס' וכבוד ה' נראה באוהל (שלח)
כ"ב לחודש סיון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם June, 7)

קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30

באולם אימפעריאל
712 Bedford Avenue, Brooklyn, NY

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה

הורי החתן
שמואל דוד יצחק זעליגפעלד וב"ב
ברוקלין יצ"ו

הורי הכלה
שמואל מאיר קרויס וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

ארייצוליינן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן 840

בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 בבנין הישיבה In Yeshiva (450)430-6420 פאקס Fax (450) 433-9379

# מודעה

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש הע"י אשר

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ישבות

## שב"ק פר' בהעלותך הבעל"ט

במיוחד עם בחורי ישיבתינו הקדושה

ישיבה גדולה תורת משולם פייש בנ.י.

* * *

להזכרות, קבלת קהל ולערוך שמחות וכדו'
יכולין להתקשר אל המשב"ק
450-435-0209

בכבוד רב
העומדים על משמרת הקודש

---

"בשורה משמחת"
א באס וועט אי"ה פארן דאנערשטאג נאכט
אויף שבת קודש פ  שלח




## קיין קרית טאהש

לרגל די יומא דהילולא של
רבינו השרף מרן
רבינו משולם פייש בן ר מרדכי סג"ל
זצוקללה"ה

פרייז $160 ראנד טריפ

באראָ פארק: 9:30 14 46
וויליאמסבורג 10:00 Bedford highway
מאנסי 11:30 wall mart 59
מאנרא 12:00 Park and ride

ביטע רופט




347-689-9964
פוילט'ס אלעס גוט'ס

---

ישיבה גדולה
תורת
משולם פייש
ד'טאהש
ניו יארק

# בקשה ומודעה נחוצה

בזה אנו מבקשים מכל אחד ואחד
**שבהיות שעל שבת קודש הבעל"ט מתכוננים הבחורים החשובים של ישיבתינו הקדושה לקבל את פני הקודש**

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**אשר נעתר לבקשת הבחורים החשובים לבא להיכל ישיבתינו לעשות אתם בצוותא חדא את השבת להשקותם מי באר מים חיים, להדריכם בדרכי עבודת עבודה, ולהשפיע שפע קודש.**

לכן הננו בזה להודיע כי

## השבת קודש הבעל"ט מיוחד אך ורק לתלמידי ישיבתינו הקדושה בפרטית

## ואין לשום אחד לבוא לבניני הישיבה במשך השבת קודש

ובוודאי יבין כל אחד כי השבת קודש זו מוקדש בעד בחורי חמד לומדי ישיבתינו הקדושה, ושכרם הוא חלף עבודתם בתורה ועבודה משך כל השנה, ובדין הוא שיבואו על שכרם משלם, ולא יבואו להפריע ולהתערב בשמחתם המיוחדת להם.

**בתקוה להבנה**
**הנהלת ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש**

---

חבורת מזון הנפש
מזון הנפש
זכרון יהושע שלום

# הכונו הכונו

## ערשטע בחינה

## בחבורת ה' עמודים

## מסכת סנהדרין

קומט פאר

## א' קרה

אין הסידות כתהילתה

לאור

# באור החיים



א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

**מיט אן אומבאשרייבליכע השתוקקות גרייטן זיך תלמידי ישיבתינו הק' מיטצולעבן א שבת התרוממות ווען אבינו רועינו כ"ק מורינו ורבינו שליט"א וועט פראווענען א דערהויבענע שבת התרוממות 'בני חביבי' פריוואט און אויסשליסליך פאר די לגיון של מלך תלמידי ישיבתינו הק' דעם קומענדיגן שבת קרח הבעל"ט**

**די דערהויבענע שבת המרומם 'בני חביבי' נעמט אריין אין זיך א רייע מעמדי התעלות, ווי די תלמידי הישיבה וועלן זיך הייבן טפחיים בעבודת הבורא ברוך הוא ווײלענדיג במחיצת הקודש באופן פרטי יתירה!!**

ווארימע חבורת ליל שישי כהכנה לשבת המרומם בראשות הרה"ג משפיע בישיבתינו הק' שליט"א • סדר הלימוד רבתי בבואו את יום השבת קודש • פלאמעדיגע תפלת מנחה וקבלת שבת • סעודתא דחקל תפוחין קדישין בראשות אבינו רועינו מרן רבינו שליט"א • אמירת תהלים בצפרא דשבתא כנהוג • תפלת שחרית וקריאת התורה • עליות וכיבודים צוטיילט צווישן די אריות שבחבורה • סעודתא עתיקא קדישא בראשות אבינו רועינו מרן רבינו שליט"א • נעימות'דיגע פארברענג בשבת אחים גם יחד אינאיינעם מיט די געטרייע צוות הישיבה • סדר הלימוד בעצם יום השבת קודש בנוכחת ובהשתתפות פון כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא • לימוד פרקי אבות • סעודתא רעווא דרעווין • דברות קודש ודברי הדרכה מיוחדת לתלמידים הקרויים בנים מפום ממלל רברבן • הבדלה וסדר מוצשב"ק וסיפורי צדיקים • סעודת מלוה דמלכה נאכ'ן פראווענען אזא דערהויבענעם לעכטיגן שבת לפני ולפנים • און פיל מער

## לקראת שבת לכו ונלכה!

די געפילן און די רגשים צווישן די תלמידי הישיבה זענען נישט מעגליך צו באשרייבן, ווען ווי א טאג נענטער עס ווערט צום ערשטמאליגן שבת קודש, רוישן די הערצער מער און מער, ווען מ'וועט האבן די ערשטמאליגע זכי' צו פראוועגען א דערהויבענעם שבת פריוואט און אויסשליסליך אינאיינעם מיט כ"ק רבינו שליט"א, און זיך דרייען ממש ווי ביים טאטן אין ווייגגארטן בחצר בית המלך, און שעפן תורה ויראת שמים פון די לעכטיגע טישן, דערהויבענע תפלות, און ווארימע שמועסן, מפום ממלל רברבן.

## מקושרים לאלנא דחיי!

אין אמת'ן אריינטראכטענדיג אין א טיפערע בליק טוען די תלמידי הישיבה געניסן פון א גאר שטארקע קשר ביי רבם ומאורם כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווען אין יעדע געלעגנהייט זענען די בחורים די ערשטע אויף די מחשבה, און די רבי טוט כסדר אריינעמען זיינע באליבטע תלמידים אין בילד פון סיי וואס, צו איז עס באופן פרטי ווען די רבי וויל ארויפגיין צום ציון הק' לאמירת תהלים, זענען אלעמאל די תלמידים וועלכע זענען זיך מצרף במנין לישועות הכלל והפרט, אדער גאר די לעכטיגע פרייטאג צונאכטס סעודות וועלכע די רבי פראוועט בהיכל הישיבה, די רבי לאזט זיך דאן אראפ למטה מעשרה און איז משפיע מהודו פאר די געטרייע תלמידים, זייענדיג משמיע תורה והדרכה אויף א גאר נאנטע פארנעם. און סיי באופן כללי ביי די גרעסערע מעמדים זעהט מען אלץ ווי די רבי זארגט זיך און מאכט זיכער אז די בחורים האלטן מיט און זענען צופרידן האבענדיג מכל טוב.

## כי הם זרע ברך השם!

און טאקע ביי די געלעגנהייטן שעפט די רבי הויפענעס נחת דקדושה פון זיינע געטרייע תלמידים, זעהנדיג ווי די תלמידי הישיבה זרע ברך השם שטייגן און וואקסן לעילא ולעילא, בדרכי עבודת עבודה.

איינע פון די צייטן וועלכע די רבי נוצט אויס צו שעפן נחת פון די תלמידי הישיבה, איז נעמליך אין די גאר פריע פארטאגס שטונדן ווען די רבי שפאצירט אריין בהיכל הישיבה און קוקט זיך אים אויף די ווענט און ליינט די ישיבה מודעות, אין וועלכע די געטרייע צוות הישיבה זענען מעודד די תלמידים צו לערנען בהתמדה ביתר שאת ועוז.

און ע"פ רוב אין אזעלכע מאמענטן זענען שוין געציילטע פון די אריות החבורה פארזינקן בסברות אביי ורבא כהכנה לתפלה, פון וואס מרן רבינו שליט"א האט שוין עטליכע מאל ערוועגט ביי די ווארימע שיחות קודש פאר די תלמידים, ארויס-ברעגענדיג זיין גרויס וואונדער און קורת רוחו איבער די התמדה פון די תלמידים אין אזעלכע שעות הבוקר.

## התעוררי כי בא אורך!

אבער מיט-דעם-אלעם טוט די בעפארשטייענדע שבת ארויסשיינען העכער די אלע אויבנדערמאנטע, זייענדיג א ערנסטע שריט און אות הוקרה וועלכע די רבי צייגט ארויס צו די תלמידי הישיבה, ווען מען גרייט זיך מיטצוהאלטן א גאנצע מעת לעת באופן פנימי בצל הקודש, און נישט סתם א מעת לעת נאר מ'וועט זוכה זיין צו פראוועגען א גענצליך פריוואטע שבת, און שפירן א אמת'ע מעין עולם הבא, ווי די גאנצע שבת קודש וועט זיין א יומא אריכתא פון קדושה און התרוממות.

## כלים הראויים לקבל!

ווי ביי יעדע מבצע אדער מאורע בין כותלי הישיבה ווערט אלעס אויסגענוצט אריינצוברענגען בין כותלי הישיבה א רוחניות'דיגע שטימונג, פראקלעמירענדיג פארשידענע קבלות, שעות רצופות א.ד.ג. איז ווי פארשטענדליך דא נישט א צווישנשייד, נאר פארקערט גאר, ווי נענטער עס ווערט צום שבת ווערן די הכנות פארשטערקערט, און די ישיבה קאכט מיט א שלהבת אש קודש בלימוד התורה, לקראת שבת לכו ונלכה..

עקסטער גרייט מען זיך צו א ספעציעלע מעמד אין די קומענדיגע טעג ווען מרן רבינו שליט"א וועט קומען אין ישיבה, און עס וועט פארקומען א אייגנארטיגע מעמד מכירת הזכותים ווי אלע זכותי השבת וועלן פארקויפט ווערן פאר טויזנטער בלעטער גמרא אדער שעות לימוד התורה, אין וועלכע די בחורים וועלן מוסיף זיין חיל לאורייתא אין די טעג כהכנה לשבת.

## יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו!

א עקסטערע שטארקע געוויכט ווערט געלייגט דורך די געטרייע הנהלת הישיבה, ווי אין די יעצטיגע טעג גייט מען אדורך אינאיינעם מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א די פונקטליכע סדרי ופרטי השבת, האלטענדיג פאר די אויגן די קלארע ציל אז די גאנצע צייט דורכאויס די דערהויבענע שבת זאלן די תלמידי הישיבה קענען קונה זיין די מערסטע וואס שייך, הדרכות והנהגות ישרות וואס וועט באגלייטן די תלמידים אויף א גאנץ לעבן בס"ד.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

נשא - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' נשא ב'

פארנאכטס האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת הבר מצוה פון נכד רבינו הקדוש זי"ע, בן הרב אהרן ישעי' פיש שליט"א, בן אדמו"ר מ'זידיטשוב פרעמיסלא שליט"א, וחתן הרה"ג ר' אלעזר דוד קאהן שליט"א מו"ץ, ונכד כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, וועלכע איז פארגעקומען בהיכל הטיש בביתו נאוה קודש.

דער רבי האט באשיינט די אויבן אן, געטרינקען לחיים, און ווארעם אנגעוואונטשן די בר מצוה בחור און עלטערן ובני משפחה ברכות לרוב.

## דינסטאג פר' נשא ב'

ביינאכט האט דער רבי זיך משתתף געווען ביים קבלת פנים פון החתן חיים נחום נ"י בן הרה"ג ר' נפתלי יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מנהל מכינה לישיבה, עב"ג בת מוה"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ"ד הגדול.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה.

## מיטוואך פר' נשא ב'

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן הרב ישראל זונדל סאנדעל שליט"א אב"ד שר שלום, דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג ביי די זמני כניסה זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי ישיבה דמאנסי אינאיינעם מיט די מנהלים ורמי"ם, וואו דער רבי האט משמיע געווען פאר זיי דברות קודש דברי חיזוק, דערנאך זענען אלע בחורים אריבער ביים רבי'ן נעמען שלום, און דער רבי האט פארטיילט מטבעות קודש לברכה והצלחה.

במשכ'ן טאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת מחותנו הרה"צ רבי סיני וואגשאהל זצ"ל אב"ד לאנצהוט פון מאנסי, ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

ביינאכט איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש די שמחת התנאים פון בת מוה"ר יקותיאל צבי קליין הי"ו, וואו דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקען און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און פאר די כלה און פאר די מחותנים ובני משפחה.

## שב"ק פר' פר' נשא ב'

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד און די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, דערנאך אראפ אין היכל ישיבה גדולה און געצינדן די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, דערנאך געוואונטשן א גוט שבת.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר די חתנים: החתן שלמה זלמן ב"ר אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, החתן משולם פייש בה"ר יעקב פאגעל נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, החתן יצחק ב"ר יוסף אשר געלב נ"ו, החתן משה עמרם ב"ר חיים יודא גראד נ"ו. דערנאך אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די חתנים ומחותנים ובני משפחה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה בהיכל הישיבה, זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' שלמה יצחק ב"ר ברוך גאלדשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה.

שפעטער ביים שלחן הטהור פאר כל הקהל הקודש בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הגה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"ח ר' אלתר אליעזר סג"ל לאוועו הי"ו, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ח ר' משה שמואל גאלדרינגער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' יוסף אלי' אפענהיים הי"ו, מוה"ר אברהם בראנער הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה, שיר המעלות הב' רפאל אברהם ב"ר זיידא ראטטענבערג ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט די חתנים. שבת נותנים לו מוה"ר יוסף אשר געלב הי"ו.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת. שחרית האט געדאווענט הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי הרב אליעזר צבי היימליך שליט"א נכד רביה"ק זי"ע דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למז"ט, שלישי החתן ר' חיים נחום ברני"ל מערמעלשטיין הי"ו, רביעי הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, חמישי מוה"ר חיים יודא גראד הי"ו, ששי הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק, שביעי מוה"ר אליעזר הערש הערשקאוויטש הי"ו, הוספות: החתן משולם פייש פאגעל ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, החתן שלמה זלמן הערשקאוויטש ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, החתן משה עמרם גראד ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, אחרון החתן יצחק געלב ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה. הגבה הרב יעקב פאגעל שליט"א.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ג ר' יחזקאל שרגא היימליך שליט"א פון ניו יארק.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן ב"ר משה שמואל גאלדרינגער ני"ו פון וומסב"ג.

אז ביום השביעי החתן אהרן גינזבערג ני"ו נכד רבינו שליט"א תלמיד ישיבה גדולה. דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הב' ישראל ב"ר משולם פייש קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. שיר המעלות הב' יואל ב"ר יוסף אלי' אפענהיים ני"ו פון וומסב"ג.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרב יעקב פאגעל שליט"א מחשובי רבני כוללינו.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר ישראל מרדכי קרויס הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: ראשון מוה"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים הי"ו, שני מוה"ר יוסף אשר געלב הי"ו, שלישי הרב יעקב פאגעל שליט"א, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יחזקאל שרגא היימליך שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, מוה"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים הי"ו, מוה"ר מנחם מענדל ניימאן הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, שיר המעלות הב' אשר ענזיל ב"ר אלי' סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די שבע ברכות פון החתן חיים נחום מערמעלשטיין ני"ו איז מכובד געווארן: הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, הגה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, ברכה אחריתא כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.





מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת שלח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בהעלותך | דף קז: | דף קד. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף קח. | דף קד: | דף יג. | דף ט: |
| מאנטאג | דף קח: | דף קה. | דף יג: | דף י. |
| דינסטאג | דף קט. | דף קה: | דף יד. | דף י: |
| מיטוואך | דף קט: | דף קו. | דף יד: | דף יא. |
| דאנערשטאג | דף קי. | דף קו: | דף טו. | דף יא: |
| עש"ק | דף קי: | דף קז. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' קרח
חבורת ז' עמודים - צה. - קח:
חבורת ה' עמודים - תחילת המסכת - יב:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **משה מאיר ברוין** הי"ו
(מאנסי)

לרגל שמחת
**אירוסי בנו**
החתן אלי' נ"י
ממצוייני תלמידי ישיבה"ק אוה"ח
למזל טוב ובשעטו"מ

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייצושיקן ברייוו,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

איחוד תלמידי חסידי טאהש

## איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ע

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד